# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



מקץ
תשפ"א לפ"ק
גליון קמ"ח

## פראגע

### אויב די ציל פון שניי איז צו האלטן די ערדווארעם, פארוואס פעלט אויס די גאר שווערע שנייען?

## ענטפער:

די ציל פון שניי איז נישט **בלויז** צו האלטן די ערד ווארעם. אבער אפילו אויב יא, ווי שווערער עס איז, אלס בעסער באשיצט עס די ערד פון די קעלט. די פרעסטן קענען הארגענען די ווארצלען וואס זענען באערדיגט אין דער ערד; די קעלט קען הארגענען די וויכטיגע אינזעקטן וואס זענען פארנומען צו באארבעטן די ערד אגאנצע יאר. די מורישקעס און די ערד-ווערים האלטן אונז ביים לעבן. זיי לופטערן די ערד דורכ'ן גראבן און ארומרוקן כסדר די ערד. זיי וואלטן אויסגעשטארבן אין די קעלט.

די שניי האלט די באקטעריע ביים לעבן, ווייל ערד איז כמעט אינגאנצן באקטעריע. אן אויסטערלישע סומע פון באקטעריע טרעפט מען אפילו אין איין זופ-לעפל פון ערד, און דערפאר איז וויכטיג צו באשיצן די ערד קעגן די פראסטן.

שניי מיינט אויך וואסער, און עס איז וואסער וואס קומט אינעם בעסטן אופן, ווייל רעגן-וואסער לויפט אראפ מיט די גראוויטעט און רוב דערפון גייט פארלוירן, אבער שניי זאפט זיך איין אין די ערד צוביסלעך, און גיבט פאר די ערד די גרעסטע טרונק פון וואסער. דערפאר, ווי מער שניי, אלס מער וועט וואקסן צו עסן קומענדיגן זומער; ס'איז א גוט באקאנטע יסוד. די פארמערס פרייען זיך צו שניי ווייל עס מיינט בעסערע תבואה.

אידן פרייען זיך אודאי, אזוי ווי דוד המלך האט געזאגט, "הנותן שלג כצמר" – ער גיבט שניי ווי וואל. און מיר טארן נישט לאזן קיין איין שניי-פאל דורכגיין אן כאטש איינמאל אריינטראכטן אין די נפלאות הבורא. שניי איז א גרויסע שיעור אין מוסר. צי לייגט איר צו קאפ – זאגט די שניי – ווען עס פאלט אראפ? עס איז אן איינדרוקספולע ערשיינונג, עס איז א שמחה, יעדער איז אינטערעסירט אין א גרויסע שניי-פאל! אבער הערט נישט סתם די נייעס אז די באסעס האבן זיך אפגעשטעלט און שולעס זענען פארשפארט פאר'ן טאג, אומוויכטיגע זאכן.

דער גרויסער לימוד איז גלייך אינדרויסן פון אייער פענסטער, און אייערע אייגענע אויגן קענען אייך לערנען די מעסעדזש וואס די שניי ברענגט.

## פראגע

### וואס זאגט איר וועגן מאכן גלגול שלג – זיך קוילערן אין קאלטע שניי – אלס א וועג פון תשובה?

## ענטפער:

איך וויל נישט אוועקמאכן די מענטשן וואס טוען עס – עס קען זיין אז ס'האט א געוויסע תועלת, אבער אויב איז דאס אלעס וואס איר גייט טון פאר תשובה, איז דער ענטפער א ניין. ס'איז בעסער צו קוילערן דעם מח אין די אמיתיות פון די תורה; צו **קוילערן די מחשבה אין שניי**. דאס איז בעסער ווי צו קוילערן די קערפער אין שניי.

מען גייט אין די שניי און מען **טראכט**, "הנותן שלג כצמר" – דער אויבערשטער גיבט שניי אזוי ווי וואָל. וויאזוי איז שניי אזוי ווי וואל? עס איז ווייס ווי וואל. פארוואס איז שניי ווייס? ווייל ווייס שטויסט אפ די זון-שטראלן כדי די שניי זאל זיך נישט צו שנעל צעלאזן. יעדער ווייסט אז דער ווייסער קאליר מאכט אז עס זאל זיך קענען האלטן לענגער. די שניי האלט זיך לענגער ווייל ס'איז ווייס. איר האט קיינמאל נישט געטראכט דערוועגן? פארוואס איז שניי ווייס? כדי עס זאל בעסער אפשטויסן די זון-שטראלן.

פארוואס איז שניי אויפגעבלאזן? שניי איז אזוי ווי וואל; ס'איז פוכיג (Fluffy). וואל איז פוכיג ווייל עס שפאַרט איין די לופט.

עס האלט פארכאפט די ווארימע היץ פון די קערפער און האלט די קערפער ווארעם. ווידראום קאטאן איז נישט פוכיג; קאטאן לאזט ארויס די קערפער׳ס היץ.

דער אויבערשטער גיבט שניי אזוי ווי וואל, כדי עס זאל דינען אלס צודעק פאר די ערד, אז די ערד זאל נישט פארפרוירן ווערן פון די פראסטן. אין די ערד זענען דא מערערע טייערע מאטריאלן; עס זענען דא באקטעריע און פאנגוס, מורישקעס און ערד-ווערים. אגב, מיר וואלטן נישט געקענט לעבן ווען נישט די ערד-ווערים. אן די ערד-ווערים וואלט די וועלט נישט געקענט עקזיסטירן. און זיי וואלטן געקענט שטארבן פון די קעלט. ווגען דעם לייגט דער אויבערשטער די שניי אויף די פעלדער, אלס א דאכענע, און די שניי האלט פארכאפט די לופט.

טראכט דערוועגן בשעת איר גייט אין די שניי. עס איז בעסער ווי זיך קייקלען אין שניי; דרייט אייער מח אין די שניי! טראכט וועגן די וואונדער פון שניי. שניי איז וואונדערבאר. די גמרא זאגט אז "איין שניי איז בעסער ווי פינף רעגנס." פארוואס איז איין שניי בעסער ווי פינף רעגנס? ווייל רעגן לויפט שנעל אראפ, אבער שניי צעלאזט זיך שטאטלעך און אלעס גייט אריין אין דער ערד. שניי גייט אריין אין דער ערד; עס צעלאזט זיך שטאטלעך, בשעת די רעגן לויפט אראפ און רוב דערפון גייט אוועק. דעריבער איז איין שניי בעסער ווי פינף רעגנס פאר די פעלדער. די פארמערס ווייסן אז ווען עס שנייט פיין, וועט די תבואה פונעם קומענדיגן יאר זיין גוט.

די שניי איז זייער וויכטיג! טראכט די מחשבות בשעת איר גייט אין די שניי. דאס הייסט זיך געקוילערט אין שניי! יעצט, איך וויל נישט מזלזל זיין אין די וועלכע קוילערן זיך אין די שניי – זיי קענען עס טון אויב זיי ווילן; אפשר איז עס אפילו א תועלת. זיי ווילן זיך באשטראפן פאר זייערע עבירות. אבער די שלימות המחשבה איז די וויכטיגסטע שלימות וואס מיר דארפן זוכן אין אונזער לעבן. די מחשבה איז די וויכטיגסטע! (E-262#)

**פראגע**

## אויב איך האלט אנדערש פון מיין מאן און איך ווייס אז איך בין גערעכט, וויאזוי קען איך אים איבערצייגן אז ער איז נישט גערעכט?

**ענטפער:**

**די בעסטע וועג צו געווינען א טענה'ריי איז דורכ'ן עס אויסמיידן.** ס'איז א דבר פשוט, אבער ס'איז זייער א וויכטיגע עצה. צומאל, אויב א פרוי איז געבענטשט מיט פארשטאנד, ווארט זי פאר א געלעגנהייט ווען אלעס איז רואיג און איר מאן איז דאנקבאר צו איר; דעמאלטס קען זי אויפברענגען די נושא אין א וועג וואס וועט אים ברענגען מודה צו זיין. אבער אין אנדערנפאלס איז בעסער אים נישט צו קאנפראנטירן מיט זיינע טעותים.

יעצט וויאזוי צו האנדלען דערמיט, עס ווענדט זיך אינעם פראבלעם. אסאך מאל איז די פראבלעם נישט אזוי וויכטיג, דעמאלטס איז בעסער צו פארגעסן דערפון, ווייל עס אויסשמועסן וועט נאר ברענגען מער פראבלעמען. אויב ס'איז א וויכטיגע פראבלעם וואס קען ווארטן פאר א פאסיגע געלעגנהייט – נישט יעצט ווען עס באדערט דיר – ווארט פאר'ן ריכטיגן מאמענט און דאן שמועס עס אויס אויף א שיינעם וועג. (#154)

**פראגע**

## פארוואס זענט איר קעגן לערנען סעקולארע טעמעס? האט דען נישט דער ווילנער גאון געלערנט סעקולארע לימודים?

**ענטפער:**

איך האב בכלל נישט דערמאנט היינט די נושא פון סעקולארע לימודים, במילא בין איך אומשולדיג... סיי-וויאזוי, אויב די פראגע פון סעקולארע נושאים, עס איז נישט קיין שאלה אז געוויסע ידיעות פון לימודי חול קענען זיין נוצבאר, און אפילו זייער נוצבאר. די פראבלעם איז אבער פון וואו צו באקומען די ידיעות; דאס איז שוין א צווייטע מעשה. (#60)

**פראגע**

## זאל איך באזוכן מיינע שוואגערס אויב זיי האבן טעלעוויזיע אין זייער הויז?

**ענטפער:**

זענען זיי שומרי שבת?

**שואל:** יא.

**ענטפער:** באזוך זיי אום שבת. (#60)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




לה"ק אידיש




נאר אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב